# גרויס התרגשות לקראת נסיעה קיין ליסקא צום יומא דהילולא פון הרה״ק בעל טל חיים זי״ע



אין די טעג הערשט א גרויסע התרגשות לקראת די געהויבענע נסיעה צו די שטאט ליסקא אויף די יארצייט פון דעם צדיק וקדוש אשר מפיו אנו חיים, וואס האט באלאכטן די וועלט מיט זיין צדקות ופרישות און התמדת התורה, הרה״ק בעל טל חיים מליסקא זי״ע ט׳ אייר הבעל״ט

היי יאר איז די ערשטע מאל וואס מען ארגאניזירט א אפיציעלע נסיעה קיין ליסקא צו זיין דארט ביומא דהילולא פון הרה״ק בעל טל חיים זי״ע,וועלכער איז נסתלק געווארן, ט׳ אייר תרס״ד, גענוי מיט הונדערט און פופצן יאר צוריק, ומנוחתו כבוד הארט נעבן פון זיין גרויסן שווער הרה״ק בעל אך פרי תבואה זי״ע.

הונדערטער אידן האבן שוין געזעהן דארט ישועות נאכן מתפלל זיין דארט, און אידן טוען עדות זאגן אז זיי זענען געהאלפן געווארן מיט זרע של קיימא נאכן מתפלל זיין ביים ציון הק׳ ביומא דהילולא.

יעדע צדיק האט געהאט זיין דרך אין עבודת השם, און דער דרך פון הרה״ק בעל טל חיים זי״ע איז געווען תורה, תורה,

און נאכאמאל תורה. ווען אידן האבן געדארפט ישועות, איז מען געגאנגען קיין ליסקא, און מען איז תיכף געהאלפן געווארן.

די גאנצע נסיעה ווערט צוגעשטעלט דורך ״גאו-גאלד״ טרעוול, מען פארט ארויס זונטאג פר׳ אמור, און מען קומט אן צוריק דינסטאג פר׳ אמור.

דער הייליגע ״טל חיים״ פון ליסקא זי״ע איז נישט געווען אזוי באקאנט אין זיינע צייטן, וויבאלד ער איז געווען אויסגעטון פון עולם הזה אויף א שטארקע פארנעם, און איז געזעצן און געלערנט די הייליגע תורה שעות אויף שעות מיט א זעלטענע התמדה.

ס׳איז געווען אמאל א איד פון ליסקא וואס איז אריינגעקומען צו הרה״ק בעל דרכי תשובה ממונקאטש זי״ע, האט אים דער

# אנגייענדע רענאוואציעס אויפ׳ן בית החיים אין ליסקא, אין בעפארברייטונג צום יומא דהילולא

אין די שטאט ליסקא ווערט געמאכט די נויטיגע צוגרייטונגען, לקראת די יומא דהילולא קדישא פון הרה״ק בעל טל חיים זי״ע, דעם קומענדיגן ט׳ אייר הבעל״ט.

אין די לעצטערע יארן איז אויפגעשטעלט געווארן א ספעציעלע קאמיטע, וואס איז עוסק צו פארבעסערן די מצב אין שטאט ליסקא, די צאל מתפללים האבן זיך שטארק געמערט, און טויזענטע אידן קומען דארט אן יערליך צו מתפלל זיין ביי די הייליגע ציונים פון די צדיקים הקודמים.

אין די יארן בעפאר די וועלט קריג איז ליסקא געווען א תל תלפיות פאר מאסן אידן וועלכע זענען געקומען זיך משתטח זיין ביומא דהילולא קדישא, הרה״ק בעל יטב לב מסיגוט זי״ע פלעגט שיקן א קוויטל קיין ליסקא צום יארצייט, און אזוי אויך שפעטער ווען הרה״ק מסאטמאר זי״ע פלעגט פארן אויף די מקומות הקדושים, פלעגט ער אויך גיין קיין ליסקא, צו מתפלל זיין ביי די ארטיגע צדיקים.

מיט ארום פערציג יאר צוריק איז די בית החיים אין שטאט ליסקא געווען אין געפאר פון צוגרונד גיין, ס׳איז געווען אין זייער א שווערע מצב. עס האבן זיך דאן אריינגעלייגט עטליכע עסקנים אין שפיץ פון הגה״צ ר׳ אברהם יהושע העשיל פריעדלאנדער שליט״א אבד״ק היבנוב, האבן גאר שווער געארבעט אפצוראטעווען די בית החיים פון חרוב ווערן.

געלויבט דעם אייבערשטן האט מען זוכה געווען צו אהערשטעלן די בית החיים אויף א געהעריגע מקום תפילה, די וועד העסקנים ארבעטן פלייסיג עס זאל זיין א דבר השלם, מען האט אפגעקויפט א גרויסע שטח הארט נעבן די בית החיים, וואו מען ארבעט איבערמידליך צו אויסגראדן דעם שטח, מען זאל קענען בויען דערויף א שיינעם בנין לרווחת אלפי המתפללים. אזוי אויך טוט מען זיכער מאכן אז די גאנצע פלאץ ארום זאל זיין גענצליך ריין, אז די ארטיגע רעגירונג זאל באוויליכגן צו שענקן די נויטיגע פערמיטן, צו קענען אויפבויען דעם שיינעם בנין.

די הייליגע ארגעניזאציע ״ בית ליסקא״ וועלכע שטייט בנשיאות פון כ״ק אדמו״ר מליסקא שליט״א, טוען אריינלייגן פיל כוחות צו איבערפרישן די בית החיים, מען ארבעט אויף א גענצליך נייע גדר ארום דעם גאנצן שטח, און מען וועט קענען אנקומען צום ציון הק׳ פיר און צוואנציג שעה א טאג. מען פלאסטערט אויס א נייע פארקינג לאט, וואו דער ציבור געסט וועלן קענען פארקירן די קארס, אזוי אויך האט מען אוועקגעשטעלט א נייע אריינגאנג צום בית החיים, כדי מען זאל קענען גרינגער צוקומען צום אוהל הק׳.

אין די זעלבע צייט טוט מען ארויסברענגען א הכרת הטוב פאר ״ בית ליסקא״ , וועלכער ארבעט פלייסיג צוזאמצושטעלן די נויטיגע געלטער, מען זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש, למען אבותינו שוכני עפר.

אצינד זיך גרייטנדיג צו די הילולא קדישא ווערט געמאלדן איבער א ספעציעלע נסיעה, וואס וועט ארויספארן פון ניו יארק קיין ליסקא צו מתפלל זיין ביים ציון הק׳ ביומא דהילולא קדישא, וואו מען וועט אויספועל׳ן ישועות ורפואות פארן כלל און פארן פרט.

מיר ווילן אויך באזוכען די שוהל וואס איז געבויט געווארן דורך כ״ק מרן רבינו צבי הירש מליסקא זיעועכי״א וואס איז לעצטנס איבערגעבויט געווארן.

**זכותם הגדול יעמוד לנו.**





מונקאטש'ע רב געפרעגט: דו וואוינסט דאך אין ליסקא, פארוואס גייסטו נישט צום הייליגן טל חיים? האט דער איד געענטפערט אז דער טל חיים זיצט אגאנצן טאג און לערנט, און ער האלט אז ער איז נישט ראוי דערפאר. האט אים דער מונקאטש'ע רב געזאגט, גיי זאג פארן ליסקא רב, אז איך האב געזאגט ער איז יאר ראוי!

אזוי אויך האט הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע מעיד געווען אויף הרה"ק בעל טל חיים זי"ע, אז ער איז א ל"ו צדיק פונעם היינטיגן דור, ווען אידן פלעגן קומען זיך מזכיר זיין ביי הרה"ק דער טל חיים זי"ע, פלעגט ער אנוואונטשן , און וואס ער האט ארויסגעזאגט מיטן מויל איז מקוים געווארן, עס פלעגן זיך דרייען דארט אין שטוב אותות ומופתים פאר אידישע קינדער. אין יאר תרס"ד האט געשוועבט א שווערע גזירה אויף די אידן אין אונגארן, און דער "טל חיים" זי"ע האט זיך דאן אוועקגעגעבן אלס קרבן ציבור, און ער איז נסתלק געווארן אין בלויזן עלטער פון פיר און זעכציג יאר, און אזוי אראפגענומען די גזירה פון די אידן



ביי זיין לוויה איז געשען א גרויסע נס, אז די אוהל פון זיין גרויסן שווער דער אך פרי תבואה, איז פלוצלינג גרעסער געווארן, און ס'איז געווען פלאץ אים צו באערדיגן דארט אינעם אוהל הק'.

דורכאויס די יארן האבן אידן אלץ פרובירט צו גיין מתפלל זיין אויפן ציון הק' ביומא דהילולא, און מ'פלעגט כסדר זעהן דארט אפענע ישועות, פילע אידן דערציילן אן א שיעור מעשיות און מופתים ווי זיי זענען געהאלפן געווארן ביים ציון הק' פון הרה"ק דער טל חיים זי"ע.

א איד האט פארציילט אז ער איז אמאל פונקט אנגעקומען קיין ליסקא ביום ט' אייר, און זעענדיג אז עס איז די יארצייט פון הרה"ק בעל טל חיים זי"ע איז ער געגאנגען דארט לשפוך שיח בזכות פונעם צדיק, דער איד האט נישט געהאט קיין קינדער, און זייענדיג דארט האט ער אויסגענוצט די געלעגענהייט אויסצובעטן א ישועה, און טאקע א יאר דערויף איז ביי אים געבוירן געווארן דאס ערשטע קינד.

און אצינד ווען מ'גרייט זיך שוין אויפן טאג, הערשט א געוואלדיגע התעוררות , מ'גרייט זיך צו פארן א גאנצע ציבור אידן אינאיינעם צו מתפלל זיין אויפן הייליג פלאץ, להיפקד בדבר ישועה ורחמים.

מיר וועלן אויך באזוכען די שוהל ווי דער יארצייט ועט פארקומען וואס איז געבויט געווארן דורך כ"ק מרן רבינו צבי הירש מליסקא זיעועכי"א וואס איז לעצטנס איבערגעבויט געווארן אין איז נתחנך געווארן דורך כ"ק מרן רבינו ה"טל חיים" מליסקא זיעועכי"א.

---

### "תרנגול" זו שאנו אוכלים על שום מה

# אידישע גאס נעמט אויף מיט גרויס פרייד די ארגינעלן הינדל פלייש - צוגעשטעלט דורך די נייע פירמע "תרנגול פארמס"

דער אידישער וועלט בכלל, און די פלייש מארקעט בפרט, איז אין די טעג רייכער געווארן און ארויפגעגאנגען מיט עטליכע שטאפלען מיט די גרינדונג און עפענונג פון די שפאגל נייעם קאמפאני "תרנגול פארמס".

און אמת'ן אריין איז די הויפט חידוש פון "תרנגול פארמס" אז עס פארמאגט נישט קיין חידושים... די גלאנץ און קונץ פון די קאמפאני איז, אז עס האט גענומען דעם ארגינעלן הינדל וואס אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט פלעגן דאס אונזערע עלטערן און אור עלטערן עסן, און עס צוריקגעברענגט צו די שלאכט הייזער און פלייש געשעפטן מיט איר פולן פראכט.

די ארגינעלע תרנגולים, מער באקאנט אלס די "לעגהאָרן" טשיקן, איז אין די ברייטע אלוועלטליכע מארקעט אפגעהיטן געווארן אלס דער סאמע בעסטער הינדל וואס לייגט אייער, לייגנדיג אן איי כמעט יעדן טאג. צוליב דעם פאקטאר האט מען עס טאקע געזוכט צו לאזן אומבארירט און ארגינעל, און אין פאקט קומען טאקע אלע ווייסע אייער איבער די גארער וועלט, פון דעם ארגינעלן תרנגול - לעגהאָרן טשיקן.

און דא קומט "תרנגול פארמס" אריין אין בילד. נאך פילע ריסורטש און פארש ארבעט אין דעם געביט דורך גאר גרויסע מומחים און לאנגיעריגע שוחטים ובודקים, אין שפיץ פון פראמינענטע רבנים מכשירים און נאך אסאך פאקטישע עקספערימענטן, האט זיך ארויסגעשטעלט א גאר אינטרעסאנטער בילד; אז אויב וואלט געווען א מציאות צו קענען ברענגען דעם ארגינעלן "לעגהאָרן" טשיקן צום באניץ פון די פלייש מארקעט צום עסן, וואלט עס געווען א געווינס וואס האט נישט זיינס גלייכן.

די מעלות פון די תרנגולים זענען אין אלע הינזיכטן. סיי ווען עס קומט צום געזונט חלק איז עס גאר ספעציעל, וויבאלד עס איז "ארגינעל" ווי דער אייבערשטער האט עס באשאפן, וואקסט עס נאטורליך. מען פלעגט און האדעוועט עס מיט איבערגעגעבנקייט ביז עס קומט צו זיין פוהלער וואוקס, אנדערש ווי די אלגעמיינע מאדיפיצירטע פלייש טשיקן פון די ברייטע מארקעט, וואס וואקסט אגרעסיוו שנעל און איז גרייט צום עסן קוים וואס עס ווערט געבוירן.

צווישן די שטעגעלעך און וועגעלעך פון די פארם הייזער ווערן די סארט געזונטע תרנגולים אנגערופן Slow Growers, וואס אדאנק די פיל געזונטערע לעבנסשטייגער אין די נארמאלע שנעלקייט פון וואקסן וואס זיי האבן, איז די צאל טויט-פעלער וואס מאכן זיך ביים האדעווען וויניגער מיט ריזיגע פראצענטן ווי ביי די אלגעמיינע ברוילער טשיקן. נאך מער, לכבוד דעם דארף מען זיי נישט אנשטאפן מיט אנטיביאטיקס ווייל מען ערווארטעט נישט קיין איינע פון די מחלות און ווייראסעס וואס מאכן זיך ביי די ווילד-שנעל און ריזיג וואקסנדע טשיקנס.

פונקט ווי ערווארטעט אזוי איז טאקע געווען. ביים שחט'ן די ערשטע טויזנטער טשיקנס, האט זיך ארויסגעשטעלט אז די טשיקנס זענען אויסערגעוויינליך געזונט און שטארק, אזש אז דאקטוירים וואס זענען געשטעלט אין די שלאכט הייזער מטעם די רעגירונג זענען ארויס פון התפעלות און האבן זיך אויסגעדרוקט מיט שטוינונג אז זיי האבן נאך קיינמאל פאר דעם נישט געזען אזא געזונטער טשיקן!

פארשטייט זיך אליינס אז די געזונטהייט פונ'ם עוף זעט זיך גלייך אן אויך אויף די הלכה'דיגע שאלות וואס קענען זיך מאכן ביי טשיקענס. ווי צום ביישפיל, טריפות אין די קישקעס און פראבלאמאטישע צומות הגידין ביי די פוס, וואס פון די צענדליגע טויזנטער טשיקנס וואס מען האט שוין גע'שחט'ן האט זיך נישט געמאכט אפילו איין טריפה! צום באוואונדערונג פון אלע בודקים און רבנים אויפ'ן פלאץ.

און ווערט רעדט נאך פון די גאר געשמאקע און נאראפטיגע טעם וואס די תתרנגול טשיקענס האבן, ווי עס דערציילן די פילע אידן וואס האבן עס שוין פארזיכט, אז די פלייש איז וואונדערבאר, געשמאק, און גאר רייך און טעם, וואס האט נישט זייער גלייכען און די טשיקען אינדערסטריע!

אין צוגאב צו די אלע אויבנדערמאנטע מעלות אין געזונט און כשרות און טעם, קומט צו אן אומבאשרייבליכע מעלה, וואס די רבנים און מומחים אין דעם פעלד האבן עס שטארק משבח געווען, אז וויבאלד עס לוינט נישט פאר די אייער ביזנעס אריינצומישן אנדערע סארט עופות, ווייל קיין איין עוף לייגט נישט אזויפיל אייער און זיכער נישט די שיינע ווייסע אייער, איז די לעגהארן טשיקן געבליבן

EST. 2019

TARNEGOL FARMS

— THE ORIGINAL TARNEGOL —

ריין און אומבארירט במשך אלע יארן, פון ווען אונזערע עלטערן און אור עלטערן האבן עס געגעסן ביזן היינטיגן טאג איז עס געבליבן מיט איר גאנצע ריינקייט, און מיט איר ארגענעלן אויסקוק אקוראט ווי עס האבן אויסגעקוקט תרנגולים פאר הונדערטער און טויזענטער יארן צוריק, וואס ווען עס קומט צו כשרות פון עופות איז גאר א שטארקע פרינציפ.

צוליב איר אוטענטישקייט טראגט עס מיט שטאלץ דער נאמען וואס אדם הראשון האט עס געגעבן "תרנגול".

"תרנגול פארמס" האט גענומען די אלע אינפארמאציע וואס מיר האבן דא אנגערירט אויפן שפיץ גאפל און עס געמאכט פאר א ריאליטעט. אומגלויבליך אבער א פאקט! צום ערשטן מאל אין היסטאריע אן עוף וואס האט א השגחה מתחילת היצירה, רייך אין טעם, די בעסטע פארן געזונט, מיט איר גאנצע ריינקייט, א רעוואלוציע אין די כשר'ע פלייש מארקעט אין פולען זין פוןווארט!

"תרנגול" טוט האדעווען די ארגינעלע תרנגולים אויף די פארמס און ברענגען דאס אויף א גאלדענעם טאץ צו די שלאכט-הייזער און פון דארט גראד צו אייער קיך.